מזל טוב!

א קאמעדיע אין 1 אקט.

פערפאסט פון

שלום עליכם.

ווארשע

1907

דרוק נ. סטאראוואלסקי, גענשא 18.

פערלאג

„ביכער-פאר-אלע".

ווארשע, דלוגא 11.

פרייז 12 קאפ׳.

№ 61—62.

Rabinovitz/
Masel Tow

פערלאג „ביכער=פאר=אלע”, ווארשע.

מזל טוב!

א קאמעדיע אין 1 אקט.

פערפאסט פון

שלום=עליכם.

ווארשע. — תרס"ט.

דרוק „האור”, ווארשע דלוגע 11.

МАЗЕЛЬ-ТОВЪ

Комедія въ 1 актъ.

соч. **Шалемъ-Алейхема.**

Изд. „БИХЕРЪ-ФАРЪ-АЛЕ“, Варшава, Долгая 11.

ВАРШАВА 1908 г.

דִי פַּאר׳שׂוינֶען:

בֵּיילֶע אַ קעכִין, אַנ׳אַלְמָנָה פוּן אַ יאָהר עֶטלִיכֶע אוּנ דרייסִיג, אַ יאָדעֶרדִיגֶע יידִינֶע.

פְרַאדִיל אַ שְׁטוּב=מֵיידִיל, אַ שוואַרצ׳חֵנ׳ווּרִיגֶע.

רֶב אַלְטֶער אַנ׳אָרֶעמֶער פַאקֶענטרֶעגֶער, גִיט בִּיכְלֶעך אוֹיף פּראָקאַט, אַ יִידִיל פוּן אַ יאָהר 40, אַנ׳ אַלְמָן אָדעֶר אַ גָרוּשׁ אוּנ אֶפְשָׁר אַנ׳אַלטעֶר בָּחוּר, איין האַלב פָּנִים לאַבּט, דאָס אַנדעֶרעֶ ווייַנט, טראָגט אַ קויטִיגֶע מאַנִישקעֶ מִיט אַ צוּגעֶלֶעגֶערט קאַפּעֶלִיוּשֶׁעל, שַׁדְכֶנ׳ט זִיך צוּ דעֶר קעכִין.

חַיִים אַ מְשָׁרֵת פוּנ׳ם צווייטעֶן הוֹיז, אַ יוּנג אַ חוואַט מִיט אַ „סִיגנעֶט", שַׁדְכֶנ׳ט זִיך צוּ פְרַאדלִין.

מִישַׁא } דעֶם בַּעַל הַבָּיִת קִינדעֶר, אַ יוּנגעֶל אוּנ אַ מֵיידִיל,
מַאשַׁא } רעֶדעֶן האַלב יִידִישׁ, האַלב רוּסִישׁ.

„מַאדַאם" דִי בַּעַל הַבָּיִת׳טֶע אַליין, באַווייזט זִיך מִיט׳ן אִיבּעֶרִיגעֶן עוֹלָם נאָר אִין דעֶר לעֶצטעֶר סצעֶנעֶ אוֹיף אַ ווייַלֶע.

דִי גֶעשִׁיכְטֶע קוּמְט פָאר אִין קֶעך.

ק 23767

296.025
R11m

Tłokiem Józefa Jeżyńskiego, Warszawa, Nowy-Świat 8.

ערשטע סצענע

ביילע. (שטעהט מיט פארקאטשעטע ארבעל ביים אויבען, קאכט זינגט א ליעדל:)

אוי וואו זענט איהר מיינע יונגע יאָהרען,
אוי וואו זענט איהר אהינגעקומען?
צי מיט'ן פייער פאַרברענט געוואָרען, | בים.
צי מיט'ן וואַסער אַװעקגעשווימען? |

אַז אַך און וועה איז צו מיינע שׂוֹנְאִים, אַז ביילע באַדאַרף זיין אַ דינסט ביי די יאָהרען, און האָבען אויף זיך אַזאַ בעל־הבית'טע, אַזאַ „מאַדאַם", וואָס נאָר געזידעלט און נאָר געפּידעלט! אַ שיינע נגידית! אַ אָרעמאַן אַ שטיקעל ברויט וועט זי דען געבען? די אייגענע קינדער אַפילו זשאַלעוועט זי עסען, איטליכען איז זי חושד: רק מע נאַשט, רק מע גנבה'ט! ביי איהר זענען אַלע נאַשערינ'ס, אַלע גנביטעס! (זי נעהמט אראב אין א באזונדער טעפּל פון אלע מאכלים צו ביסלעך) געגוג זיי זיין צו קריינקען... ווי זאָגט רב אַלטער: „ווינציגער זיין די ווערעם אין קבר"... (נעהמט אראב נאך א שטיקל פלייש) ניש'קשה, מע וועט זיך באַדרעהען... ע ע ע! ווי לאַנג בין איך אַליין געווען אַ בעל־הבית'טע ביי מיין טיש מיט מיין מאַן פּסח צום סדר (זי זינגט):

2	1
אַזוי ווי ס'איז ביטער,	אַזוי ווי ס'איז ביטער,
יוך אָהן אַ פאַן,	אַז מען פעפערט ניט די פיש,
אַזוי איז ביטער,	אַזוי איז ביטער,
אַז מען זיצט אָהן אַ מאַן.	אַז מען זיצט ביי אַ פרעמדען טיש,

4	3
אַזוי ווי ס'איז ביטער,	אַזוי ווי ס'איז ביטער,
אַז דאָס עסען האָט קיין טעם,	אַז דאָס עסען שמעקט מיט רויך,
אַזוי איז ביטער,	אַזוי איז ביטער,
אַז מע דינט ביי אַזאַ „מאַדאַם".	אַז מען אַרבייט איבער'ן כח.

ווער קלאַפּט דאָס דאָרטען אין דער טהיר? מסתמא רב אַלטער... אַ טייערער ייד, אַ כשר'ער, אַן ערליכער, אָהן חכמות... האָרעוועט נעבאַך אויפ'ן שטיקעל ברויט, ווייסט ניט פון קיין וועלט צו זאָגען, גלייך מיט מיר... (עפענט די טהיר, עס קומט אריין רב אלטער פון דרויסען מיט אפּעקעל ספרים אונטער דער האנד).

צווייטע סצענע.

רב אַלטער. (לייגט אב דאס פעקיל אויף א זייט, מאכט צורעכט דאס בערדל, ווישט זיך דעם שווייס מיט א רויטע פעטשיילע). אַ גוטען אָבענד אייך, ביילע לעבען! וואָס מאַכט איהר גוטס? איך געה פאַרביי, איך זעה עס לייכט זיך, טראַכט איך מיר, מע דאַרף אַריינגעהן אויף אַ ווייַלעטשקע... אַ גאַנצען טאָג איז מען אויף די פיס, פון שטוב צו שטוב, מע מיינט טאָמער, דיזען, דאַזען, דאָס און יענץ... וואָס איז ביי אייך פאַר אַ יום טוב, ביילע, וואָס איהר קאָכט אַזוי שבעט?

ביילע. ווייסט זיי דער שוואַרצער יאָהר! אַ שמחה פּלוצים פאַרשטעהרט זאָל איהר ווערען!... געקומען אַ חתן אָנקוקען אונזער מאַמזעליכען... עפּעס איינער אַ שוואַרץ יאָהר מיט קנעפּליך, ווייסט דער רוח דעם טאַטען... אָט וועט אַריינגעהן פראַד'ל, זי ווייסט... זיצט, רב אַלטער, זעצט זיך... טאָמער וועט איהר טרינקען אַ גלעזעל טיי? צו אַ גלעזעל מילך? צו אפשר ביידע זאַכען אינאיינעם? און אפשר גאָר צובייסען, עפּעס נעהמען אין מויל אַריין? (זי רוקט איהם אונטער אלע גוטע זאכען).

רֶב אַלְטֶער. אַ דאַנק, לְמַאי זאָלט איהר זיך מַטְרִיחַ זײַן, בײַלעניו? איך בין גאָר נישט אַזוי שטאַרק הונגעריג... נאָר גאָר ניט, אויך די אײגענע מַעֲשֶׂה, ווי זאָגט ער, אַז אײַך איז ליעב, איז מיר נַיחָא... (עסט) איז בײַ אײַך הײַסט דאָס הײַנט אַ שטיקעל יום טוב? מְהַכְּתֵיתִי, לאָז זײַ גאָט העלפען, וואָס האָב איך צו זײַ? אַי איך לײַז בײַ זײַ קײַן געלד נישט? לְמַאי ס'איז דאָ קײַן עַין הָרַע אַסַך אַזעלכע „סטיקראַטען", וואָס איך לײַז בײַ זײַ קײַן געלד נישט? אָט אַ שטײַגער חאַפּט אָן אײַער „מאַדאַמשע"... זי פלעג מיר אַמאָל געבען צו לײַזען פאַר ביכלעך גאָר אַ סך געלד... נאָר פון אַ צײַט אַז זי האָט אויפגעהערט צו פאַרשטעהען זשאַרגאָן, פון זינט זי איז געקומען פון אויסלאַנד, האָט זי פאַרגעסען אונזער לָשון, גלײַך ווי זי האָט שוין פערציג יאָהר נישט געהאָרכט קײַן יידיש וואָרט... אָט דאָס אויסלאַנד, הערט איהר, איז פאַר אונזער פַּרְנָסָה אַנ'אומגליק!...

בֵּיילֶע. ווי האָבען זײַ צײַט צו לײַענען ביכלעך, אַז טאָג ווי נאַכט ווײַקט מען אין די קאָרטען? קומט אויף דער נאַכט קלויבט מען זיך צענויף אַלע: פײַנקוגעל און חינקעס און שטראָדעל און בײַגעלמאַן און קנאַקניסעל און מע קלאַפּט אין „סטוקעלקע", קלאַפּען און סטוקען זאָל זײַ אין קאָפּ, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! איך דאַרף שטעהן בײַם אויבען: קאָך זײַ, בראָט זײַ, בראָטען און בּרענען זאָל זײַ אויפ'ן האַרצען!... אֶפְשָׁר וועט איהר נעהמען, רֶב אַלטער, אַ גלעזעלע בראָנפען, ס'איז געבליבען פון נעכטען? (זי בייגט זיך אן, נעהמט ארויס, גיסט איהם 'אן א גלעזל, ער פארזוכט).

רֶב אַלְטֶער. אַ דאַנק, לְמַאי זאָלט איהר זיך מַטְרִיחַ זײַן? (ער קעהרט איבער דאס גלעז'ל) הערט איהר, בײַלע, ס'איז גאָר נישט קײַן שלעכט ביסעל בראָנפען, ווי איהר זעהט מיך לעבען! (זי גיסט איהם אן נאך אגלעז'ל). אַ דאַנק, לְמַאי זאָלט איהר זיך מַטְרִיחַ זײַן?... ס'איז ביטערע צײַטען, זאָג איך אײַך, עָך-עָך-עָך!...

אַמאָל פלעג מיר אָנקומען אַ גאַנצער טראַנספּאָרט מיט ראָמאַנען פון דער ווילנאָ, פלעג איך זײַ פאַרצוקערען... און הײַנט, ווײַסט דאָס דער גוטער יאָהר, פון זינט די ציוניסטען האָבען אָנגעהויבען אַרויסגעבען זײַערע ביכלעך, איז מײַן פַּרְנָסָה שטאַרק געשלאָגען... נאַ דיר ציוניסטען!... נננע!

בֵּיילֶע. ציבעליסטען? וואָס איז דאָס, רֶב אַלטער, פאַר אַנ'אָשיקעניש אַזעלכעס?

רֶב אַלְטֶער. ציוניסטען — דאָס זענען די ציוניסטען וואָס פאַרנעהמען זיך מיט'ן ציוניזם... זײַ ווילען, פאַרשטעהט איהר מיך, מיר זאָלען אַלע פאָהרען קײַן „פּעליסטינע" ווילען זײַ...

בֵּיילֶע. (שאקעלט מיט'ן קאפ) נאַ דיר נאָך, טאָמער איז קאַרג!... אָט האָסט דו דיר אַ בלעסטערינע אויף זײַערע קעפּ — פאַרחאַפּט זאָלען זײַ ווערען!...

רֶב אַלְטֶער. (שלאגט איהר איבער) שאַ, גאָט איז מיט אײַך, בֵּיילֶע, פאַר וואָס שעלט איהר זײַ? אַדְרַבָּה, זײַ מײַנען אונזער טוֹבָה טאַקי... פאַרקעהרט, סע קומט זײַ נאָך אַ דאַנק, זײַ ווילען העלפען די אָרעמע לײַט... דאָס פאָלק פאַרשטעהט איהר מיך... דיזען-דאַזען-דאָס און יענץ...

בֵּיילֶע. הערסט? וואָס זשע שווײַגט איהר? ווי באַלד אַזוי, לאָז זײַ גאָט געבען געזונד און אַלדעם גוטס... אויף קײַן שלעכט אָרט זאָלען זײַ נישט שטעהן... לאָזען מײַנע בַּעֲלֵי בָּתִּים זײַן פאַר זײַ די כַּפָּרָה!...

רֶב אַלְטֶער. לאָז גאָט היטען! וואָס האָב איך צו זײַ? אָט לְמָשָׁל האָב איך באַקומען אַ פרישע פעקיל סְחוֹרָה, ראָמאַנען, אַזש פון אַמעריקע, פרישע, צאַפּעלדיגע, נאָר וואָס פון דער נאָדעל אַרויס. איך זאָג אײַך פון די אַנטיקען!... קַפְּרִיסִין! זעמעלטעהל!...

בֵּיילֶע. (שלעפּט ארויס א פלעשעל פון אונטערן בעט און גיסט איהם אן א גלעזל ווײַן) אַנו, רֶב אַלטער, פאַרזוכט זײַט מוֹחֵל פון'ם דאָזיגען ווײַן... געבליבען בײַ זײַ נעכטען פון'ם טיש...

רֶבּ אַלְטֶער. אַ דאַנק, לְמַאי זאָלט איהר זיך מַטְרִיחַ זײַן? (פאַרזוכט און באַלעקט זיך) הערט איהר, בּײלעניו, איז דאָס אַ גלעזל מַשְׁקֶה פוּן מַשְׁקֶה לאַנד!.... (טרינקט און באַלעקט זיך). זינט גאָט האַנדעלט מיט מַשְׁקָאוֹת, האָט ער נאָך אַזאַ מַשְׁקֶה ניט געהאַט... (קוקט אין גלעזל אַריין און שפיגעלט זיך) ע, אַפְּנִים די נְגִידִים ווײסען טאַקי, וואָס גוט איז?!... הערט איהר, די קאַפּאָטע פּאַרזעצען און אַ נָגִיד זאָל מען זײַן!... אַז ס'איז יאָ אַזוי, טאָ לאָמיר זײַן געזונד! (קעהרט איבער דאָס גלעזל) הערט איהר? דאָס איז ווײַן! דאָס איז אַ מִין מַשְׁקֶה, וואָס מען קאָן עס אָנרופען ווײַן. עס האָט אין זיך אַלע אָפּשניצלעך פוּן... פוּן... אַ גלעזל ווײַן. (באַלעקט זיך) דיזען-דאַזען-דאָס און יענץ...

בּײלע. (גיסט איהם אָן נאָך אַ גלעזל) ניִשְׁקָשֶׁה, טרינקט נאָך איין גלעזל, זשאַלעוועט ניט, פאַראַן בּײַ זיי אין קעלער גענוג... זיי מעגען דאָס אויסקרענקען געזונדערהײַד!

רֶבּ אַלְטֶער. (מיט אַ פריילעך פּנים). לאָז גאָט היטען! וואָס האָבּ איך צו זיי? לאָזען זיי טרינקען... לאָזען ייִדען טרינקען געזונדערהײַד... אַ ייִד איז ניט קיין גוֹי... אַ ייִד אַז ער נעהמט אַ בּיסעל מַשְׁקֶה, איז גאָר נישט, מַהַכְּתֵיתִי... ער טרינקט זיך אוים אַ גלעזל, צוויי גלעזלעך, צו אַפִילוּ דרײַ גלעזלעך — און שאַ, שטיל, טשעפּעט ניט קיין פליג אויף דער וואַנט... שִׁכּוֹר? — פּע! שִׁכּוֹר קיין מאָל ניט!... קיין מאָל ניט שִׁכּוֹר!...

בּײלע. (דערגיסט איהם דאָס גלעזל) קיין מאָל ניט!...

רֶבּ אַלְטֶער. אַקעגען וואָס, הײסט דאָס, איז דאָס געקומען צו רײד? יאָ, אַקעגען דעם וואָס איהר זאָגט: מע האָרעוועט... מע האָרעוועט איבער'ן כֹּחַ... אָט לְמָשָׁל האָפּט אָן צום בּלײַשטיפט אַ יונגע אַלְמָנָה, ווי איהר זײַט... וואָס?... ווער?... ווע מען?... גאָר נישט... דיזען-דאַזען-דאָס און יענץ. הערט איהר! איך וואָלט דאָס אײַך ניט געזאָגט, נאָר אונטער פיער אויגען זאָג איך אײַך... די מַעֲשֶׂה פוּן דער געשיכטע איז

אַזוי... בּיז וואַנעט איז דער שִׁיעוּר פרעג איך אײַך, צו זײַן בּײַ יענעם?... ווידער אַמאָל געקאָכט וועטשערע, און אָבּער אַמאָל וועטשערע... צײַט אַמאָל אַליין אַ נ'אײַגענע וועטשערע, אַנ'אײַגען שטיקעל אויבען, דיזען-דאַזען דאָס און יענץ... איהר פאַרשטעהט?...

בּײלע. יאָ, איהר זענט אַוַדַאי גערעכט, רֶבּ אַלטער, אַנ'אײַגענע פּאָמוניצע איז אַוַדַאי ליבּער פוּן אַ פרעמדע שיסעל... וואָס קומט אָבּער אַרוים? אַ וויסטע אַלְמָנָה, מֶה אָנוּ מֶה חַיֵינוּ?

רֶבּ אַלְטֶער. אִם כֵּן איז וואָס? אַנ'אַלְמָנָה איז דען קיין מענטש ניט? פאַרקעהרט אַנ'אַלְמָנָה איז נאָך אַדְרַבָּה מעהר טְהוֹרָה... מִצַד רַחֲמָנוּת... (מאַכט מיט די הענד) מִצַד דיזען-דאַזען, דאָס און יענץ...

בּײלע. ווײס איך וואָס, ווער וועט זיך קוואַפּען אויף מיר מיט סַךְ הַכֹּל צוויי הונדערט שמאַרדאָווינצעס, נישט מעהר זאָלען מײַנע בַּעֲלֵי בָּתִּים פאַרמאָגען, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם...

רֶבּ אַלְטֶער. (כחורט זיך) ע, זאָגט דאָס נישט בּײלע לעבּען!... ווי אַזוי מע וויל לײַענט מען דאָס בּריוועל... צוויי הונדערט קאַרבּען איז הײַנטיגע יאָהרען אַ קאַפּיטאַל... און צו אַזאַ קאַפּיטאַל, ווען גאָט שיקט אײַך צו כְּדוֹמֶה לְמָשָׁל אַ לײַטישען יונגען מאַן, אַ מענשען אַנ'ערליכען, אַ מענשען מיט אַ געשעפט'ל אין דער האַנד... אַ מענשען וואָס פאַרשטעהט איהר מיך (מאַכט מיט די הענד) דיזען-דאָזען, דאָס און יענץ...

בּײלע. אַ שטײגער כְּדוֹמֶה לְמָשָׁל?...

רֶבּ אַלְטֶער. (כחורט זיך) אַ שטײגער כְּדוֹמֶה לְמָשָׁל, איך זאָל אײַך אָנחאַפּען נאַפּשיקלאַד אַזאַ מִין מענש'ל, וואָס האָט אַ געשעפט'ל, נישט קיין גרוים געשעפט, נאָר אַזוי אַ פײַנס, אַ שטילס, אַ רוהיגס... וואָס האַנדעלט מיט אַזאַ מִין סְחוֹרָה, וואָס מע גיט דאָס אויף פראָקאַט... אויף איבּערלײַענען... נו כְּדוֹמֶה לְמָשָׁל בּיכער, ראָמאַנען (מאַכט מיט די הענד) דיזען, דאַזען, דאָס און יענץ...

ביילע. (פארטראכט, ווישט זיך די נאז מיט'ן ארבעל פון אונטען ארויף) איהר רעדט עפּעס, רב אלטער, אזעלכע ווערטער... פאר־שטעלט... איך קאן ניט פארשטעהן. טרינקט, איך בעט אייך, קוקט ניט אויף כבוד... מיר וועלען הארעווען און זיי וועלען פרעסען און זאפען, עסען זאלען זיי ווערעם! (גיסט איהם אן נאך א גלעזל).

רב אלטער. לאז גאט היטען! וואס האב איך צו זיי! (נעהמט דאס גלעזל) וואס איהר זאגט מע הארעוועט. דערויף זענען מיר שוין געוואוינט. וואס איז שייך? גאט האט אזוי בעשאפען די וועלט, אז מיר דארפען הארעווען, פארשווארצט ווערען, און זיי דארפען לעבען א גוטען טאג, עסען און טרינקען און דיזען און דאזען און דאס און יענץ... פארדריסען פארדריסט נאר דאס, וואס ס'איז ביי זיי ניט אנגעלעגט אונזער הארעוואניע. למשל אט נעהמט א פערד להבדיל הארעוועט אויך איבערען כח. זעהט זשע אבער, ווי מע קיכעלט עס, מע גלעט עס, מע גיט איהם עסען, און טרינקען, און דיזען, און דאזען, און דאס און יענץ.

ביילע. איהר רעדט עפּעס, רב אלטער, תמיד אזוי מאדנע... פארשטעלט...

רב אלטער. ס'איז ניט מיינע ווערטער; דאס האב איך אויסגעלייענט פון א ביכעל, פון די היינטיגע ביכלעך, וואס זיי גיבען־ארויס אט די ימח־שמוניקעס, די „צעצאליסטען"...

ביילע. וואס? וואס איז דאס פאר א מכה? א מכה זאל זיך זיי זעצען אויפ'ן שפּיץ נאז?!...

רב אלטער. לאז גאט היטען! וואס האב איך צו זיי? פארשטעהט איהר מיך, די דאזיגע, דאס זענען אזעלכע מענטשען, פארשטעהט איהר מיך, וואס קאטארי זיי נעהמען זיך אן אדרבה די קריוודע פון די ארעמע לייט, פון די ארבייטער, פאר מיר, און פאר אייך, און פאר די אלע, וואס פלאגען זיך און מוטשען זיך אויף דער וועלט...

ביילע. הערסט דו! וואס זשע שווייגט איהר? לאזען מיינע בעלי בתים איינגעהמען א מיתה משונה פאר זייער מינדסטען נאגעל!

רב אלטער. לאז גאט היטען! וואס האב איך צו זיי? (עס עפענט זיך די טהיר עס קומט אריין חיים דער משרת. ביילע טהוט זיך אוואַרף צום אויבען. רב אלטער קוקט אריין אין א ביכעל).

דריטע סצענע.

חיים. (דאס קאפעלישעל אויף א זייט). א גוטער נאבענד זאל זיך אין אייך א ריינחאפּען, ביילעניו... וואס מאכט א ייד, רב אלטער? איהר ווייסט? דאס ביכעל וואס איהר האט מיר געבראכט איז אנ'אנטיק פון א ביכיל: איך האב דאס נאר גענומען לעזען בין איך אנטשלאפען געווארען זיצענדיג אויפ'ן בענקיל ווי א געהרגעטער... (ער גיסט זיך אן א גלעזל וויין). געניסט עפּיס, רב חיים, פאר וואס זאלט איהר ניט געניסען? אזוי זאגט מען מאדאם בשעת זי איז מכבד איהרע געסט מיט ווערמיגע ניסליך... וואו איז ערגיץ פראדיל? (ער וויל זיך אנגיסען נאך א גלעז'ל).

ביילע. (גיט איהם איבער די הענד) אוועק, דו משומד, נישט פון דיינעטוועגען אנגעגרייט!... דערצעהל בעסער, וואס ביזט די אזוי אויסגעפּוצט? וואס הערט זיך עפּיס ביי אייך? וואס מאכען דיינע בעלי בתים?

חיים. מיט די זייטען זאלען זיי אייך מאכען!... מע זיצט ביידע אין דערהיים ווי די טייבעלעך און מע זידעלט זיך און מע שעלט זיך ביז הונדערט און צוואנציג יאהר... (ער שלעפּט פון קעשינקע ניסליך ווארפט אין מויל אריין און טהוט א קנאק אלע מאל מיט דער האנד איבער דער מארדע פון הונטען ארויף).

ביילע. וואס איז די מעשה?

חיים (קנאקט ניסליך) וואס זאל זיין? גאר נישט. זי וויל קיין פאריז... זאגט ער קיין בארלין... זאגט זי אין דער ערד...

זאָגט ער ביזט אַ בְּהֵמָה... זאָגט זי דו ביזט אַ בַּעַל עֲגָלָה... זאָגט ער אַבי ניט קיין שניידער... אַ פָּנִים, טראַכט איך מיר, ווי שטאַמען ביידע פון גרויסען יִחוּס גלייך מיט דעם יִחוּס פון זייער מְחוּתָּן חינקעס. איהר ווייסט, רֶב אַלטער, חינקיסער יִחוּס?...

רֶב אַלְטֶער. דְהַיְינוּ כְּדוֹמֶה לְמָשָׁל?

חַיִים. דְהַיְינוּ כְּדוֹמֶה לְמָשָׁל אין זיידען האָט ער געהאַט אַ פאָטאָגראַף, ער פלעגט אַראָפּנעמען-גרעט פונים ביידעם... און דער אַנדערער זיידע איז געווען גובערסקי רעוויזאָר-איבער אַלע שיינקען... אָ! מע זאָל דערמאַנען מָשִׁיח'ן... (עס קומט אַן פון שטוב פראדיל).

פִּירְטֶע סְצֶענֶע.

פְרַאדִיל. (זעהט נישט חיים'ן. זינגט א ליעדעל:)

„זיץ איך מיר אויף אַ שטיין,
עס נעמט מיך אָן אַ גרויס געוויין:—
אַלע מיידליך האָבען חֲתוּנָה,
נאָר איך אַיינע זיץ אַליין!...

חַיִים. (ווישט זיך די אויגען כלומרשט) זעהר טראָווערדיג!

פְרַאדִיל. (זעהט איהם נישט, זינגט און טאנצט אונטער:)

אוי וועה, מאָרגענשטערען } בּיס
ווען וועל איך אַ כַּלָּה ווערען?!...

חַיִים. (פון דערווייטען) שטעהן שטעה איך, שטעה איך ביי דער טיר,
קוקען קוק איך מיט איינגעלעך אויף דיר.
האַרצעניו לייבעניו, וואָס טהוט זיך דאָס מיט דיר? } בּיס
צייט פון שַׁבָּת אָן האָסט זיך ניט געזעהען מיט מיר!

פְרַאדִיל. (זעהט איהם ניט) כָּל זְמַן איך בין אַ מיידיל,
בין איך שען און איידעל.
און ווי באַלד איך ווער אַ ווייבעל,
ווער איך שוין אַנ׳אָרעם טייבעל.

אוי וועה, מאָרגענשטערען!
ווען וועל איך אַ כַּלָּה ווערען?

חַיִים. (געהט איהם א קעגען מיט אויסגעשטרעקטע הענד) הִנְנִי! איך בין אָנגעברייט! איך בין גרייט אַפִילוּ היינטיגען טאָג, נְשָׁמָה מיינע! דאָס בין איך טאַקי געקומען איך זאָל מיט דיר אָפרעדען, מיין טהייער קאַנאַריקיל, אָפּשטעלען דאָס קנסמאָל... אַ גוטען אָבענד דיר, פראַדיל, וואָס מאַכסט דו, האַרץ מיינס, און ווי געהט דאָס דיר אין געזונד, מיין איינגעל און מיין שאַץ, דער גייסט פון מיין נְשָׁמָה, דאָס האַרץ פון מיינע אויגען, ווי ביי רֶב אַלטערן אין די ביכלעך שטעהט געשריבען...

פְרַאדִיל. וואָס איז? וואָס ביזט דו אַזוי האָפערדיג? קוקט איהם אָן ווי ער האָט זיך דאָס אַ ביסעל אויסגעסטראָצעלט דער שענער מְחוּתָּן! גוט יום טוב ראָש חודש קלעמענש!... געהסט מִן הַסְתָּם פון צירק, אָדער געחאַפּט ערגיץ אַ קערטיל?...

חַיִים. ווי דען איז אַנדערש, פייגעלי? אַ מענטש לעבט איין מאָל ניט קיין צוויי מאָל, ווי מיין רֶבִּי פלעגט זאָגען, אַז ער האָט ניט געהאַט אויף שַׁבָּת און די רֶבִּיצִין פלעגט איהם באַגראָבען ניין איילען אין דער ערד!...

פְרַאדִיל. באַגראָבען זאָל מען דיך!

חַיִים. אָמֵן אַלע ווייבער! נאַרילע, היינטיגס מאָל האָסט דו דַוְקָא ניט געטראָפען... אין צירק געה איך ניט און אין קאָרטען שפיעל איך ניט, ווייסט דו פון ווען אָן?

פְרַאדִיל. פון ווען אָן?

חַיִים. פון איין נעכטען אָן... איך האָב מיר געגעבען דאָס וואָרט איך זאָל ניט שפילען מעהר... איבער צוויי זאַכען: ערשטענס האָב איך ניט פאַר וואָס, און אַז מע האָט נישט קיין פינגער, זאָגט רֶב אַלטער, קאָן מען קיין פייג נישט שטעלען... און וְהַשֵּׁנִית קלויב איך איצט אַ גראָשען צו אַ גראָשען... צו ליב דער חֲתוּנָה, נְשָׁמָה מיינע... מע זאָל זיך ביי מיר אויסציהען פאַר

אַ גראָשען געב איך ניט... עס ווילט זיך ניט שטאַרבען אין פֿרעמדע הַקְּרִיכִים, ווי מיין באָבע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם פֿלעגט זאָגען, בְּשַׁעַת מע האָט געבעטען ביי איהר אַ נְדָבָה...

פְּרַאדיל. וואָס זשע דען טהוסט דו גאַנצע נעכט, אַז דו פּטֶרסט אָפּ אַלע אַרבייט אין שטוב?

חַיִים. וואָס איך טהו? איך פֿאַרנעהם זיך מיט בילדונג, טהייערע! מיט בילדונג! אָט לייען איך איצט אַ ביכיל, זים ווי איינגעמאַכטס... רֶב אַלטער האָט דאָס מיר געבראַכט... אוי אַ ביכיל! (ער קושט די פינגער) כ׳בין אַ גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפען, נאָר געלייענט, און געלייענט-מְחַיֶה נְפָשׁוֹת!

פְּרַאדיל. עס קעהר שוין זיין דאָס גוטע ביכיל אַז ס׳איז אַריין צו דיר אין די הענד אַריין... וואָס איז דאָס, אַ ראָמאַנס?

חַיִים. נאָך אַ מין ראָמאַנס! אין זעכס טהיילען, מיט אַ נעקראָלאָג.

רֶב אַלְטֶער. עפּילאָג...

חַיִים. מיין איך עמפּילאָג.

פְּרַאדיל. ווי אַזוי רופט זיך עס?

חַיִים. (טהוט זיך אפּאטש אין שטערען) סע רופט זיך אָן מיט אַזאַ לאַנגען נאָמען, אַז ס׳איז שוועהר צו געדענקען אויסווייניג... רֶב אַלטער סערדצע! ווי אַזוי הייסט עס ביי אייך?

רֶב אַלְטֶער. ווער?

חַיִים. אָט אַ יענץ ביכעל, וואָס איהר האָט מיר געבראַכט אַנומעלטען צו טראָגען?

רֶב אַלְטֶער. אַ? דאָס ביכעל וואָס איך האָב דיר איבער־געלאָזט? שוין איין מאָל אַ ביכעל! אַנטיק שבאַנטיק! פּרימאָ! מע רייסט דאָס ביי מיר פֿון די הענד! עס הייסט מיט׳ן נאָמען: „דער ווילדער נעגער אין רויטען גאַרטעל מיט צעהן אַנגעלאָדענע פּיסטאָלעטען און מיט זעכס פֿאַרשאָלטענע דאַמען אין טויבענ־געשטאַלט, אָדער דער רינג פֿון שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ, אַ העכסט אינטע־

רעסאַנטער ראָמאַן אין זעכס טהייל מיט אַנעפּילאָג. און מיט אַ ליעד צום געזאַנג, פֿאַרפֿאַסט פֿון יִצְחָק שְׁלֹמֹה עסיגטרייבער אויף דעם אָרט פֿון שְׁמָ״ד.

בֵּיילֶע } (אפליעסק מיט די הענד) אַ דונער האָט מיך ניט

פְּרַאדיל } דערשלאָגען! וואָס פֿאַר אַ לאַנגער נאָמען!

חַיִים. שרעקט זיך ניט, ס׳איז ביי זיי פֿאַהראַן נאָך לענגערע, און אַלע עפּעס אַזעלכע מאָדנע כְּפוּל שְׁמוֹנָה׳דיגע נע־מענער, צום ביישפּיעל: „דער געפֿאַנגענער קעניג ביים פֿאַרגליווערטען יַם אין דער וויסטעניש, אָדער די צעשפּאָלטענע ליפּ״... „דער שוואַרצער ציגיינער מיט די זילבערנע קנעפּ אין רייטוואָגען, אָדער די גלעזערנע קאַטשעלקע אויף פֶּסַח״... „די געשוואָלענע מויד פֿון איהר איינציגען חָתָן, אָדער דער רויטער מַמְזֵר, פֿאַרהאַפּט זאָל ער ווערען!״...

בֵּיילֶע } פֿאַרהאַפּט מעגסט דו שוין ווערען פֿאַר אַלע

פְּרַאדיל } יידען, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם!

חַיִים. אָמֵן, אַלע ווייבער! הַקִּצוּר ס׳איז אַ ביכיל, זאָג איך דיר, הערסט דו פֿראַדיל, די פֿינגער צו קישען!

פְּרַאדיל. וואָס זשע בעשרייבט זיך דערמיט אין ביכעל? ביזט ניט קראַנק צו דערצעהלען!

חַיִים. דאָרטען באַשרייבט זיך... ס׳איז שוועהר ״ געדענקען אויף אויסווייניג... עפּעס ווי אַזוי אַ פֿיינער בָּחוּר פֿון אַ יאָהר עטליכע און צוואַנציג...

רֶב אַלְטֶער. אַכטצעהן...

חַיִים. ראָמאַנסירט אַ מיידיל פֿון אַ יאָהר נײַנצעהן...

רֶב אַלְטֶער. זיבעצעהן...

חַיִים. אַ שען מיידיל, אַן׳עפּעלע, מיט חֵן־גריבעלעך אין די בעקליך, אַ בלאָנדיקע מיט שוואַרצע האָר.

רֶב אַלְטֶער. מיט בלאָנדע האָר...

חַיִים. מיין איך אַ בראָנעטקע מיט בלאָנדע האָר...

פְֿרַאדִיל. ווי אַזוי הייסט זי?

חַיִים. ווי אַזוי הייסט זי? נאָר וואָס אַרויסגעפֿלויגען פֿון'ם קאָפּ... זי ליגט מיר אויפֿ'ן צונג... ווי אַזוי הייסט זי, רֶבּ אַלטער?

רֶבּ אַלְטֶער. ווער?

חַיִים. אַט יענץ מיידיל וואָס בײַ מיר אין ביכעל?

רֶבּ אַלְטֶער. סעראַפֿימאַ...

חַיִים. יאָ, יאָ, איך האָב טאַקי געוואָלט זאָגן אַזוי... עס באַשרײַבט זיך דאָרט, ווי אַזוי דער בָּחור פֿאַרליבּט זיך אין'ם מיידיל... דאָס מיידיל פֿאַרליבּט זיך אין'ם בָּחור... דער בָּחור וויל חֲתוּנָה האָבּען פֿאַר'ן מיידיל... דאָס מיידיל וויל חֲתוּנָה האָבּען פֿאַר'ן בָּחור... ווילען זיי הייסט עס ביידע... טרעפֿט זיך איין מאָל אַ מַעֲשֶׂה, דער בָּחור באַגעגענט זיך מיט'ן מיידיל ערגיץ אין אַנ'אָרט, דאַכט זיך אַז אין קעך?... אַ יאָ, רֶבּ אַלטער?

רֶבּ אַלְטֶער. האַ? וואָס?

חַיִים. וואו באַגעגענט ער זיך דאָרטען אין אײַער ביכעל, יענער בָּחור מיט דער מויד? אַ יאָ אין קעך?

רֶבּ אַלְטֶער. אין פּאַריזש אין די בערער... בײַם גראַף סאַלים אין פּאַלאַץ... אין אַ גאָרטען פֿון לימענים מיט פּאָמעראַנצען.

חַיִים. אַזוי נאָר? בְּקִצוּר, איז זיך מְיַשֵּׁב ער, מײַן בָּחור הייסט דאָס, און איז נים פֿויל אויף דער פּען און חאַפּט זי אַרום אַט אַזוי. (וויל ארומנעהמען פראדלין).

פְֿרַאדִיל. אַוועק, דו שאַרלאַטאַן...

רֶבּ אַלְטֶער. ניין, חַס וְשָׁלוֹם, נים אַזוי... פֿריהער פֿאַלט ער איהר צו די פֿיס...

חַיִים. איך האָב דיר נאָר געוואָלט ווײַזען ווי אַזוי דער בָּחור נעהמט אַרום דאָס מיידיל דאָרט אין ביכעל...

פְֿרַאדִיל. ווער די כַּפָּרָה!... געקומען אויפֿ'ן גרייטען...

געה זעה בײַ לײַטען, ווי מע פֿיהרט זיך... אַט איז נעקומען צו אונזער „באַרישני" אַ חָתָן אַזש פֿון אַלדע שוואַרצע יאָהר... פֿאַרשפּאַרט מיט איהר אין איין חֶדֶר פֿון אין דערפֿריה אָן...

חַיִים. פֿון אין דערפֿריה אָן? טאַטעניו! וואָס אַזוי לאַנג וואָס טהוען זיי דאָרטען, קעצעלע מײַנס?

פְֿרַאדִיל. איך זאָל אַזוי וויסען פֿון דיר... איין וואָרט האָב איך נעכאַפּט, בְּשַׁעַת איך האָב זיי אַהין דערלאַנגט טיי...

חַיִים. וואָס פֿאַר אַ וואָרט?

פְֿרַאדִיל. אַז איך וועל דיר זאָגען, וועסט דו באַלד וויסען? „זשיוואָפּרי"...

חַיִים. זשיוואָפּרי?... אַהאַ, איך ווייס שוין! אין אונזער לָשׁוֹן איז דאָס אַלץ איינס, ווי מע זאָל זאָגען „סע ברענט מיך אַ טרונק"... אַ יאָ, רֶבּ אַלטער, אַ טרונק?

רֶבּ אַלְטֶער. (באלעקט זיך) וואָס זאָגט איהר, אַ טרונק? אַ ייד איז ניט קיין טרינקער... מְהַכְּתֵּיתֵי אַ ייד נעהמט אַמאָל אַביסעל בראָנפֿען...

חַיִים. גוט מאָרגען נעלי... רעטיך טראָג איך... מע רעדט דאָ פֿון פֿראַנצויזיש, קומט איהר מיט אַביסעל בראָנפֿען... (עס הערט זיך א קול פון שטוב: פראני, פראדיל! וואס קרינקסט דו דארט אין קעך, דו מויד?...)

פְֿרַאדִיל. קריינקען זאָלט איהר פֿאַר אַלע יידען!... איך נעה, איך געה! ווי געפֿעהלט אײַך, ווי זי קוויטשעט! איך וואַש דאָס נעפֿעס! אַט געה איך! נעהן זאָל זי אויף קוליעס!...

חַיִים. אָמֵן, אַלע ווײַבער! (פראדיל לויפט ארויס פון קעך; עס לויפען אריין מישא און מאשא).

פִֿינְפְֿטֶע סְצֶענֶע

מִישַׁא און מַאשַׁא. (שלעפען לעקאך פון די קעשענעס, קנאקען

גיסלעך, קוקען זיך ארום אויף אלע זייטען) סמאַטרי, ביילע, זאָג ניט אויס, באָזשע סאָחראַני! ...

בּ ײ ל ע. אַ מַכָּה דער מאַמען! איהר זענט נעבאָך הונגעריג, טײַבעלעך?... עסט געזונדערהייד, עסט, פייגעלעך... וואָס הערט זיך עפּעס אין שטוב, קינדערליך?

מִ י שַׁ א א ו נ מַ א שַׁ א. גאָר ניט... דער פּאַפּאַ און די מאַמאַ שפּילען אין קאָרטען... דער דיאַדיאַ קושט די שוועסטער... יעי באָגו...

חַ יִ י ם. טאַקי? אַנו, ווייַזט, ווי אַזוי קושט ער זי, קעצעלעך?

מִ י שַׁ א א ו נ מַ א שַׁ א. וואָט קאַק! (זיי קושען זיך אין די פּיסקליך און לאכען).

חַ יִ י ם. (פּאטשט זיי אין די פּלייצעס) בראַוואָ! בראַוואָ! מאָלאָדצי רעביאַטאַ! אָט וואָס הייסט גוט ערצויגען קינדער! איהר זאָלט זיין עהרליכע קינדער, וואָלט איהר אַ וועקגעלקעכט פון׳ם מיש עפּעס גוטע זאַכען פון אונזערטוועגען: טאָרט, ניסלעך, עפּעל, באַרען, מאַראַנצען, אייַנגעמאַכטס... נישקשה, קיינער וועט נישט וויסען... צווישען דער משפּחה וועט דאָס בלייַבען... (מישא און מאשא לאזען זיך געהן. פראדיל קומט אן מיט א גראפין נאך וואסער).

זעקסטע סצענע.

פְ רַ א ד י ל. ברענגען זאָלען זיי אויפ׳ן פייער!...

חַ יִ י ם. אָמן, אַלע ווײַ ע!

פְ רַ א ד י ל. דאָ האָט זי געשריגען „מויד", און דאָרט פאַר פרעמדע מענשען, איז זי זיס ווי צוקערלעקעך. „ברייַנג, זאָגט זי, דושעטשקע, אַ גלאָז וואַסער פאַר דער מאַדאַם לאָקשענקוגעל"...

בֵּ י י ל ע. וואָס מאַכען עפּעס חתן־כּלה?

פְ רַ א ד י ל. קיין גוטס זאָלען זיי אייך ניט האָבען...

חַ יִ י ם. אָמן, אַלע ווייבער!

פְ רַ א ד י ל. די שענע כּלה האָט מורא, טאָמער טהוט אַ קוק אויף מיר דער חתן... האַלט זי איהם פאַרשפּאַרט... נישקשה, ער וועט פון איהם האָבען אַ ווייסטען סוף... ס׳איז אַוואַהל כּלה׳כ׳ן... זי וועט איהם אם ירצה השם אויסראַפּען די אויגען...

חַ יִ י ם. אַ מצוה, לאָז זיך איהם ניט גליסטען, ווי מייַן עלטערע שוועסטער פלעגט זאָגען, בשעת איך האָב מיך געוואָרגען מיט אַ ביינדיל... אַ פּנים עס וועט זייַן טאַקי הייַנט אַ מזל טוב?... אַ סיס, רב אַלטער, באמת מ׳ענאָסען! טהוט איהם אַ ציה, ביילע, בייַם ליינקען אויהער און זאָגט לישועתך קויתי...

רֶ ב אַ לְ טֶ ע ר. (האט ביז אהער געהאפט אדרימעל, געפייפט מיט דער נאז. חאפט זיך אויף) אַ ראַנק! למאי זאָלט איהר זיך מטריח זייַן? איך בין אַ ווינציגער טרינקער... אַ ייד טרינקט נישט... אַ ייד איז גאָר קיין טרינקער נישט... די צי־צי־ציוניסטען זענען זעהר גערעכט... זיי זאָגען אַז אַ ייד... אַ ייד ליגט אין דער ערד, נייַען אייַלען אין דער ערד... אַ ייד איז געביק ת־תמיד פאַרשמאַכט, פאַריאָמערט (ער זינגט מיט אנ׳אומעטיגען קול:)

„פאַריאָמערט פאַרקלאָגט
פון זייַנעם פאַריאָגט"...

חַ יִ י ם. אהאָ! רב אַלטער איז דאָך טאַקי רעכט אונטערען גלעזעל, כ׳לעבען! בגלופין... געמאַכט אַ פּנים אַ רעכטע כּוסה?...

בֵּ י י ל ע. ניט מיין זאָלסט דו עסען, וויפיעל זיי האָבען געטרונקען...

חַ יִ י ם. אָמן, אַלע ווייַבער!... ווייסט איהר וואָס רב אַלטער? אַז איהר זינגט שוין יאָ, טאָ זינגט אונז עפּעס אַ ליעדעל—פון די לידלעך! איהר זענט דאָך אַ ייד, וואָס קאַטאַרי, איהר האַנדעלט מיט ביכלעך און מיט ליעדלעך.

רֶ ב אַ לְ טֶ ע ר. ווערסט מיר העלפען? איהר וועט מיר העלפען? וועל איך אייך זינגען אַ ליעדעל וואָס איז טאַקי אָנגעמאָסטען אויף מיר אַליין.

אַלֶע דְרַיי. אַךְ! מְהַכְתִּיהִי, מִיט׳ן גרֶעסטְן פַאַרגֶעניגֶען.

(גרייטען זיך צו איתם מיט העלפען).

רֶב אַלְטֶער. (זינגט) צֶעהן בּרִידֶער זֶענֶען מִיר גֶעוועֶ-עֶ-זֶען
האָבֶּען מִיר גֶעהאַנדְעלט מִיט ווייַן.
אֵיינֶער אִיז פוּן אוּנז גֶעשְטאָרְבֶּען
זֶענֶען מִיר גֶעבְּלִיבֶּען נייַן.
אוֹי, שְׁמֶעריל מִיט פִי-עֶ-עֶדעֶל
בֶּער׳ל מִיט׳ן בַּאס!
שְׁפִּיעֶלט וְשֶׁע מִיר אַלִי-עֶ-עֶדעֶל
אוֹיפ׳ן מִיט׳ן גַאס!

אַלֶע אִינְאֵיינֶעם. אוֹי, שְׁמֶעריל מִיטֶען פִיעֶ-עֶ-עֶדעֶל
בֶּער׳ל מִיט׳ן בַּאס,
שְׁפִּיעֶלט וְשֶׁע מִיר אַלִי-עֶ-עֶדעֶל
אוֹיפ׳ן מִיט׳ן גַאס!

2.

רֶב אַלְטֶער. נייַן בּרִידֶער זֶענֶען מִיר גֶעווֶע-עֶ-עֶזֶען
האָבֶּען מִיר גֶעהאַנדֶעלט מִיט פְרַאבְּט.
אֵיינֶער אִיז פוּן אוּנז גֶעשְטאָרְבֶּען,
זֶענֶען מִיר גֶעבְּלִיבֶּען אַכְט.

אַלֶע. אוֹי, שְׁמֶעריל מִיט׳ן פִיעֶ-עֶ-עֶדעֶל,
בֶּעריל מִיט׳ן בַּאס!
שְׁפִּיעֶלט וְשֶׁע מִיר אַלִיעֶ-עֶ-עֶדעֶל
אוֹיפ׳ן מִיטֶען גַאס!

3.

רֶב אַלְטֶער. אַכְט בּרִידֶער זֶענֶען מִיר גֶעווֶע-עֶ-עֶזֶען
האָבֶּען מִיר גֶעהאַלדֶעלט מִיט רִיבֶּען.
אֵיינֶער אִיז פוּן אוּנז גֶעשְטאָרְבֶּען,
זֶענֶען מִיר גֶעבְּלִיבֶּען זִיבֶּען.

אַלֶע. אוֹי שְׁמֶער׳ל מִיט׳ן פִיעֶ-עֶ-עֶדעֶל,

בֶּעריל מִיט׳ן בַּאס!
שְׁפִּיעֶלט וְשֶׁע מִיר אַלִיעֶ-עֶ-עֶדעֶל
אוֹיפ׳ן מִיטֶען גַאס!

4.

רֶב אַלְטֶער. זִיבֶּען בּרִידֶער זֶענֶען מִיר גֶעווֶע-עֶ-עֶזֶען
האָבֶּען מִיר גֶעהאַנדֶעלט מִיט גֶעבֶּעקְס.
אֵיינֶער אִיז פוּן אוּנז גֶעשְטאָרְבֶּען,
זֶענֶען מִיר גֶעבְּלִיבֶּען זֶעקְס.

אַלֶע. אוֹי, שְׁמֶעריל מִיט׳ן פִיעֶ-עֶ-עֶדעֶל,
בֶּעריל מִיטֶען בַּאס!
שְׁפִּיעֶלט וְשֶׁע מִיר אַלִיעֶ-עֶ-עֶדעֶל
אוֹיפ׳ן מִיטֶען גַאס!

5.

רֶב אַלְטֶער. זֶעקְס בּרִידֶער זֶענֶען מִיר גֶעווֶע-עֶ-עֶזֶען
האָבֶּען מִיר גֶעהאַנדֶעלט מִיט שְׁטְרִימְף,
אֵיינֶער אִיז פוּן אוּנז גֶעשְטאָרְבֶּען,
זֶענֶען מִיר גֶעבְּלִיבֶּען פִינְף.

אַלֶע. אוֹי, שְׁמֶעריל מִיט׳ן פִיעֶ-עֶ-עֶדעֶל,
בֶּעריל מִיט׳ן בַּאס.
שְׁפִּיעֶלט וְשֶׁע מִיר אַלִיעֶ-עֶ-עֶדעֶל
אוֹיפ׳ן מִיטֶען גַאס!

6.

רֶב אַלְטֶער. פִינְף בּרִידֶער זֶענֶען מִיר גֶעווֶע-עֶ-עֶזֶען
האָבֶּען מִיר גֶעהאַנדֶעלט מִיט בִּיר.
אֵיינֶער אִיז פוּן אוּנז גֶעשְטאָרְבֶּען,
זֶענֶען מִיר גֶעבְּלִיבֶּען פִיר.

אַלֶע. אוֹי, שְׁמֶעריל מִיט׳ן פִיעֶ-עֶ-עֶדעֶל,
בֶּעריל מִיט׳ן בַּאס!
שְׁפִּיעֶלט וְשֶׁע מִיר אַלִיעֶ-עֶ-עֶדעֶל

אויפ'ן מיטען גאַס!

7.

רב אַלטער. פיער ברידער זענען מיר געווע־ע־זען
האָבען מיר געהאַנדעלט מיט בליי.
איינער איז פון אונז געשטאָרבען,
זענען מיר געבליבען דריי.

אַלע. אוי, שמעריל מיט'ן פידעלע,
בעריל מיט'ן באַס!
שפּיעלט זשע מיר אַ ליע־ע־עדעל
אויפ'ן מיטען גאַס!

8.

רב אַלטער. דריי ברידער זענען מיר געווע־ע־זען
האָבען מיר געהאַנדעלט מיט טיי.
איינער איז פון אונז געשטאָרבען,
זענען מיר געבליבען צוויי.

אַלע. אוי, שמעריל מיט'ן פידע־ע־עדעל,
בעריל מיט'ן באַס!
שפּיעלט זשע מיר אַ ליע־ע־עדעל
אויפ'ן מיטען גאַס!

9.

רב אַלטער. צוויי ברידער זענען מיר געווע־ע־זען
האָבען מיר געהאַנדעלט מיט ביינער.
איינער איז פון אונז געשטאָרבען,
בין איך געבליבען איינער.

אַלע. אוי, שמעריל מיט'ן פידע־ע־עדעל,
בעריל מיט'ן באַס!
שפּיעלט זשע מיר אַ ליע־ע־עדעל
אויפ'ן מיטען גאַס!

חיים (אליין). איין ברידער זענען מיר געוועזען,

האָבען מיר געהאַנדעלט מיט סְפָרִים.
איינער איז פון אונז געשטאָרבען,
האָבען מיר געטרונקען אַגלעז'ל מַשְׁקֶה (גיסט.)
אוי, שמעריל.....

אַלע. אַ שענער גראַם!

חיים. וואָלטען מיר נעהמען צוביסלעך מַשְׁקֶה אָהן אַ גראַם.
לְחַיִים, רֶב אַלטער! לאָמיר זיין געזונד!

רֶב אַלטער (טרינקט). לאָמיר טאַקי זיין געזונד! (עס לויפען אריין מישא און מאשא מיט פולע קעשענים).

זיבעטע סצענע.

מישא און מאשא. נעה, פראַדיל, די מאַמע רופט!...
(פראדיל האפט דעם גראפין מיט וואסער און לויפט אין שטוב אריין).

חיים. אַנו, ווייזט, וואָס האָט איהר געבראַכט?

מישא און מאשא (ליידיגען אויס די קעשענים). איזוואָלטע וואָס עפּיל, גרושי, אַפּעלסינעס... לאָווקע סטאַשטשילי... יעי, באָגו...

חיים (קושט די קינדער). בראַוואָ! בראַוואָ! מאָלאָדצי, רעביאַטאַ!... אָט וואָס הייסט גוטע קינדער, געראָטענע, צו גאָט און צו לייט... אָט וואָס הייסט פון קינדוויי' אויף גוט געלערענט... (ער גיסט אן רב אלטערן אַ גלעז'ל ווייַן און זיך אויך) טרינקט, רֶב אַלטער, און פאַרבייסט. לאָז איך וואָהל באַקומען, ווי אין דער הייליגער הַגָדָה שטעהט געשריבען... טרינקט און עסט, רֶב אַלטער, מע וועט בְּמֵילָא שטאַרבען, ווי מיינער אַ באַקאַנטער בַּעַל עֲגָלָה פלעגט זאָגען, אַז מע האָט דערלאַנגט צום טיש אַ שיסעל קאַרטאָפלעס, און סע האָט געזעצט אַפּאַרע ווי אין באָד...

רֶב אַלטער. האַ? און אֶפְשַׁר זענט איהר גערעכט. לאָמיר טאַקי נעהמען צו קאַפּליך... לְחַיִים, לְחַיִים, גאָט זאָל געבען, יידען זאָלען זיין יידען... וואָרום אַ ייד איז גאָר אַן אַנדער מִין

בַּאשֶׁעפֶּעֲנִישׁ... אַ יִיד טְרִינְקט נִיט קֵיין בְּרַאנְפֶּען, פֶּע... אַ יִיד טְרִינְקט ווַיין... אַלֶע מָאל ווַיין, סֶע קוּמט פֶּסַח צוּם סֵדֶר טְרִינְקט עֶר ווַיין... אוּן ווִיפִיעל עֶר זָאל נִיט טְרִינְקֶען, אִיז עֶר תָּמִיד נִיכְטֶער... (פריילִיך) קֵיין מָאל נִיט שִׁכּוֹר!... אַיאָ חַיִּים'וּנְקִילֶע? קֵיין מָאל נִיט שׁ-שִׁכּוֹר!...

חַיִּים. חַס וְחָלִילָה! וואָס הֵייסט אַ יִיד גָאר ווֶעט זַיין שִׁכּוֹר?... דֶערְפַאר דַארף מֶען טַאקִי גֶעהמֶען נָאךְ אַמָאל צוּ קַאפֶּעלֶעךְ (ער גיסט אן נאך אמאל, ער קושט זיך מיט רב אלטערן, נעהמט די קינדער אונ געהט מיט זיי א טענציל. רב אלטער פליעסקעט צו אונ זינגט:).

1.

ווָאס מִיר זֶענֶען זֶענֶען מִיר,
אָבֶער יִידֶען זֶענֶען מִיר.
ווָאס מִיר טְהוּעֶן טְהוּעֶן מִיר,
אָבֶער אֶתְרוֹג בֶּענְטְשֶׁען מִיר!

2.

ווָאס מִיר זֶענֶען זֶענֶען מִיר,
אָבֶער יִידֶען זֶענֶען מִיר.
ווָאס מִיר טְהוּעֶן טְהוּעֶן מִיר,
אָבֶער גְּמָרָא לֶערְנֶען מִיר!

3.

ווָאס מִיר זֶענֶען זֶענֶען מִיר,
אָבֶער יִידֶען זֶענֶען מִיר.
ווָאס מִיר טְהוּעֶן טְהוּעֶן מִיר,
אָבֶער דַאווְנֶען דַאווְנֶען מִיר!

4.

ווָאס מִיר זֶענֶען זֶענֶען מִיר,
אָבֶער יִידֶען זֶענֶען מִיר.
ווָאס מִיר טְהוּעֶן טְהוּעֶן מִיר,
אָבֶער זְמִירוֹת זִינְגֶען מִיר!

5.

ווָאס מִיר זֶענֶען זֶענֶען מִיר,
אָבֶער יִידֶען זֶענֶען מִיר,
ווָאס מִיר טְהוּעֶן טְהוּעֶן מִיר,
אָבֶער כַּפָּרוֹת שְׁלָאגֶען מִיר!

6.

ווָאס מִיר זֶענֶען זֶענֶען מִיר,
אָבֶער יִידֶען זֶענֶען מִיר,
ווָאס מִיר טְהוּעֶן טְהוּעֶן מִיר,
אָבֶער שַׁבָּת מַאכֶען מִיר!

(עֶס קומט אן פראדיל אונ בלייבט ערשטיינט).

אַכְטֶע סְצֶענֶע.

פְּרַאדִיל. (פאלט אן אויף חיימ'ן) צוּ דוּ בִּיזט מְשׁוּגָע? צוּ דוּ

בִּיזט חָסֵר דֵעָה?... פְּלוּצִים אִין מִיטֶען דְרִינֶען טַאנְצֶען?... (צו די קינדער) גֶעהט, דִי מַאמֶע רוּפְט אֵייךְ... אִיהר ווֶעט שׁוֹין דָארְטֶען הָאבֶּען פַאר דִי מַאראַנְצֶען!... (די קינדער געהען אוועק) אוּנ אִיהר אוֹיךְ, רֶב אַלטֶער?... פֶע, שֶׁעמֶען מֶענְט אִיהר זִיךְ, אַזאַ יִיד קֵיין עַיִן הָרָע!

רֶב אַלְטֶער. (פלאנטעט מיט דער צינג) אַ יִיד?... אַ יִיד אִיז נִיט קֵיין גוֹי... אַ יִיד זָאל טַאקִי זַיין תָּמִיד גֶעזוּנד אוּנ מַאֲרִיךְ יָמִים וְשָׁנִים זַיין. ווָארוּם אַ יִיד ווִיפִיעל עֶר זָאל נִיט טְרִינְקֶען אִיז עֶר קֵיין מָאל נִיט שׁ-שִׁכּוֹר!... (גיסט אן אכוסה).

פְּרַאדִיל. ווָאס הָאט זִיךְ מִיר גֶעחָלוֹמְט הַיינְטִיגֶע נַאכְט אוּנ יֶענֶע נַאכְט אוּנ אַ גַאנְץ יָאהר!... דָארְט אִין שְׁטוּב אִיז אַ מַזָל טוֹב, דַארִיבֶּער בַּאדַארְפֶען זֵיי דָא זְשְׁלִיאָקֶען ווַיין!... בֵּיילֶע?

בֵּיילֶע. זֵיי הָאבֶּען גָאר אַזוֹי פִיעל נִיט גֶעטְרוּנְקֶען... ווֶעה נוּר! גֶעגוּמֶען צוּ דִי לִיפֶען...

חַיִּים. גֶענוּמֶען צוּ דִי לִיפֶען אוּנ טַאקִי בַּאלד אַראָפְּגֶעשְׁלוּנְגֶען... הֶערְט זְשֶׁע אוֹיס, רֶב אַלטֶער, אַז מִיר הָאבֶּען יָא דֶערלֶעבְּט אַ מַזָל טוֹב, טָא לָאמִיר טַאקִי נֶעהמֶען צוּ בִּיסְלֶעךְ ווַיין אוּנ טְרִינְקֶען לְחַיִּים פַאר אוּנז אַלֵיין אוּנ פַאר אוּנזֶערֶע אֵייגֶענֶע כַּלּוֹת, אוּנ לָאמִיר זִיךְ צוּ ווִינְשֶׁען אֵיינֶם דָאס אַנדֶערֶע, סֶע זָאל זַיין מִיט מַזָל. מַזָל טוֹב דִיר, פְּרַאדִיל, מַיין טְהַייֶערֶע כַּלָּה, מַיין לִיכְטִיגֶער שְׁטֶערֶען, מַיין קְרוֹין, מַיין שְׁפִּילְפֵייגֶעלֶע!... גֶעב מִיר אַהֶער דַיין זִיס הֶענְטִיל אוּנ זָאג מִיר צוּ, אַז דוּ ווֶעסְט מִיר זַיין גֶעטְרֵייעֶ!... (וויל זי ארומנעהמען).

פְּרַאדִיל. (שטופט איהם אפ) אַלֶע בֵּייזֶע ווִיסְטֶע חֲלוֹמוֹת!... אַפָּנִים דוּ בִּיזט שִׁכּוֹר?...

חַיִּים. שִׁכּוֹר? חַס וְחָלִילָה! ווִי קוּמְט אַ יִיד זַיין שִׁכּוֹר? ווָאס זָאגְט אִיהר, רֶב אַלטֶער, קָאן אַ יִיד זַיין שִׁכּוֹר?

רֶב אַלְטֶער. (שמייכעלט אונ באלעקט זיך). אַ יִיד אִיז קֵיין... קֵיין מָאל נִיט שׁ-שִׁכּוֹר! אַ יִיד אִיז אַ יִיד, אוּנ דִיזֶען, דַאזֶען, דָאס אוּנ יֶענְץ...

חַיִים. (וויל ארומנעהמען פראדלין) אֶפְשָׁר געפֶעלט דיר ניט קאַנאַריקעל, דער יִחוּס, וואָס איך בין אַ מְשָׁרֵת?... נאַריִלע, מְשָׁרְתִים פִֿירען היינט דאס גאַנצע רעדיל... קאָרג פאַראַן ביי אונז בַּעֲלֵי בָּתִּים, וואָס זענען געווען אַמאָל מְשָׁרְתִים? און מיין בַּעַל הַבַּיִת אַליין, זאָל דיר צו קיין חֶרְפָּה ניט זיין, איז ניט געווען קיין מְשָׁרֵת?... אַבִיסעל גְנֵבָה, אַבִיסעל הַצְלָחָה — חוץ זיין שאַדען אויף מיר געזאָגט געוואָרען אין צעהן יאָהר אַרום!... צי אַשטיינער לְמָשָׁל נעהם דיין „מאַדאַם" — ניט געווען פריהער אַ נ'אָם?... היינט דאָקטערט זי זיך שוין און פאָהרט אין די בעדער אַריין... נאַריִלע, וועסט אם יִרְצֶה הַשֵׁם אויך זיין אַ „מאַדאַם" אַמאָל, וועסט זיך אויך מיט גאָטס הילף דאָקטאָרען... ווי זיבער...

פְּרַאדִיל. (שטויסט איהם אפ) ביים זיך אָפּ די צונג!...

חַיִים. אָמֵן, אַלע ווייבער! פאָלג מיך, קעצעלע מיינס, לאָמיר ברעכען טעלער. מַזָל טוֹב! ביילע! רֶב אַלטער! זאָגט אונז מַזָל טוֹב! (שלעפט ארויס פון קעשעני א גאלדענע קייט און טהוט אן פראדלין אויפ'ן האלדז) אַזוי ווי דו ביזט איצטערט מיין כַּלָה, שענק איך דיר אַ מַתָּנָה... ס'ליגט ביי מיר אָנגעגרייט שוין פון צוויי וואָכען (ער נעמהט ארום פראדלען און טהוט זי א קוש. זי שטופט איהם כלומרשט אפ).

בַּיילֶע. מַזָל טוֹב דיר, פראַדיל, פאַר ניין געזונד! וואָס זאָגט איהר דערויף, רֶב אַלטער? (זי ווייזט איהם אויף פראדילס מתנה).

רֶב אַלְטֶער. וואָס זאָל איך זאָגען? איך זאָג אַז אַ ייד, אַ ייד זאָל מַאֲרִיךְ יָמִים וְשָׁנִים זיין... אַ ייד עסט און טרינקט און גאָר גאָר ניט... שאַ, שטיל... פיש-פיש-פישטעט ווי אַ פייגעלי... דיזען דאַזען דאָס און יענץ... (ער שטעהט אויף און פאלט פון די פיס) אַ ייד אַפילו אַז ער טרינקט איז ער תָּ-תָּמִיד ניכטער... פלאָנטעט ניט מיט דער צונג... פאַלט ניט פון די פיס... געהט גלייך ווי אַ סטרונקעלי, טהוט זיך ניט אַ בייג נישט אַהער... ניט אַהין... איז ביי אַלע נעראַנקען... וואָרום אַ ייד... וויפיעל ער זאָל ניט טרינקען קיין וויין, איז ער קיי-קיין מאָל ניט, אָבער טאַקי קיין

מאָל ניט שׁ-שׁ-שׁ... אוי! אַ ייד האָט אַ פינסטער מַזָל... ווי זענען נערעכט די צי-צי-ציוניסטען, איז דאָס פאָלק... אַז אַ ייד איז תָּ-תָּמִיד אין דער ערד, תָּ-תָּמִיד פאַראַיִמערט, פאַרחושֶך'ט, פאַר- וואָגעלט... (זינגט אונטער דער נאז:)

„פאַריאָ-וואָ-מערט פאַר-קלאָ-וואָ-אָגט
פון זאַ-וואַיי-נעם פאַר-יאָ-וואָ-אָגט,
פון נאָ-וואָט דאָס פאַר-שאָלטענע קינד ... (אויסגעצייגען)
אוי-אוי-אוי-אוי!
אוי-אוי-אוי-אוי!"...

חַיִים. (נעהמט רב אלטער'ן פאר א האנד) וואָס טויג אייך, רֶב אַלטער, זיין „פאַריאָ-וואָמערט און פאַרקלאָ-וואָגט?" לאָזען בעסער אונזערע שׂוֹנְאִים יאָמערען און קלאָגען אויף זייערע קעפּ! איהר פאָלגט מיך, רֶב אַלטער, גיסט אייך בעסער אָן אַ פרישע כּוֹסָה און טרינקט לְחַיִים צו אייער ביילען... לאָז זיין אין אַ גוטער שָׁעָה אַ מַזָל'דיגער, איהר זאָלט זיך מיט איהר עלטערען אין עוֹשֶׁר און כָּבוֹד... איך ווייס דאָך אַז איהר פאַרקעוועט אַרום איהר שוין פון אַ האַלב יאָהר... אַ וועלט שלאָפט ניט... וואָס מאַכט איהר אָנשטעלען, ביילע, וואָס ברעקעלט איהר זיך? לאָס איך האָבען אַזאַ יאָהר, וואָס פאַר אַ זִוּוּג דאָס איז, ווי מען רֶביצין פלעג זאָגען אויף איהר שָׁכֵן, בְּשַׁעַת ער פלעג זיך צעפּאַטשען מיט זיין פְלוֹנִית'- טע... אַ זִוּוּג זאָג איך אייך!

רֶב אַלְטֶער. אַ זִוּוּג מִן הַשָּׁמַיִם... לְחַיִים, לְחַיִים!...
(עס קומען אן ווידער די קינדער מיט פולע קעשענים, קנאקען ניסלעך).

חַיִים. גיט זשע איהר, רֶב אַלטער, די האַנד און לאָז זיין מיט גליק, פון דאַנען אין אַנ'אייגענער שטוב, ווי לייבעשעל גַנָב האָט געזאָגט, בְּשַׁעַת מע האָט איהם דאָס ערשטע מאָל געבראַכט צופיהרען אין אָסטראָג... און לאָמיר זיין געזונד! (ער גיסט אן מיט גוואלד פראדלען אביסעל וויין אין מויל אריין. רב אלטער גיט ביילען פון זיין גלעזעל). רֶב אַלטער! זינגט עפּיס אַ לידעל פון אייערע

לידלעך, נאָר אַ רעכטס, ס'זאָל לאָפּטשען!

רב אַלטער. (נעהמט אויף דער איבערשטער אָקטאַווע:)

אָב איז אַ פֿעטער,
קדר איז אַ טאָפּער,
אַ טאָפּער איז אַ קדר

בגדים זענען קליידער,
קליידער זענען בגדים,
זייד איז ניט קיין פֿאַרעס.

חיים. (שלאָגט איהם איבער, זינגט אַליין:)

פֿאַרעס איז ניט זייד,
שכור זאָלט איהר זײַן ווי לוט,
ווי לוט זאָלט איהר זײַן שכור,
אין מויל זאָל אײַך ווערען ביטער,

ביטער זאָל אײַך ווערען אין מויל,
שיסען זאָל אײַך אַ קויל,
אַ קויל זאָל אײַך אויסשיסען...

פֿראַדיל. געשאָסען זאָלסט דו ווערען פֿון גאָט!

חיים. אָמן אַלע ווייבער!... ווייסט איהר זשע גאָר וואָס, רב אַלטער, זינגט אונז דאָס פֿריהערדיגע לידעל: „וואָס מיר זענען זענען מיר!“ אונ לאָמיר זיך נעהמען פֿאַר די הענד אַלע אונ לאָמיר געהן אַ האָפּעלקע. (אַלע נעהמען זיך פאר די הענד אונ מע געהט אַ טענציל.)

רב אַלטער. וואָס מיר זענען זענען מיר,
אָבער יידען זענען מיר!

חיים. (זינגט צוזאַמען מיט אַלטער.) אָבער משרתים זענען מיר!

רב אַלטער. וואָס מיר טהוען טהוען מיר,
אָבער ציצית טראָגען מיר!

חיים. (צחאַמען מיט רב אַלטערן) אָבער משקה טרינקען מיר!

רב אַלטער. וואָס מיר זענען זענען מיר,
אָבער יידען זענען מיר!

חיים. (צוזאַמען מיט רב אַלטערן) אָבער שכורים זענען מיר!

רב אַלטער. וואָס מיר טהוען טהוען מיר,
אָבער תפֿילין לייגען מיר!

חיים. (צוזאַמען מיט רב אַלטערן) אָבער טאַנצען טאַנצען מיר!

(חיים שרייט צו רב אַלטערן: „לעבעדיג, רב אַלטער, פּאָלקעס! שטאַרקער!

שטאַרקער! קינדער! פֿעטער, קינדער!“... ער צעברעכט אַ טעלער. אַלע שרייען: „מזל טוב! מזל טוב! מזל טוב!“. פּלוצים עפֿענט זיך די שטוב טהיר אונ עס באַווייזט זיך פֿריהער דער „מאַדאַם“'ס נאָז, נאָכדעם די „מאַדאַם“ אַליין).

נײַנטע סצענע.

„מאַדאַם“. (אַ פּליעסק מיט די הענד) אַ ווּיסטער, אַ פֿינסטערער, אַ רײַנער, אַן אומגליקליכער, אַ שוואַרצער, אַ שלימזלדיגער מזל טוב אויף אײַערע קעפּ אונ אויף אײַערע הענד אונ פֿיס אונ לײַב אונ לעבען!... אַזאַ הולטײַקע, אַזאַ פֿאַרשייטע יידענע, אַזאַ סטאַרקאַטע מויד! וואָן פֿון מײַן שטוב! (צו רב אַלטערן). אונ אָט דער שלעפּער וואָס טהוט דאָ?

רב אַלטער. (אָנגעדרודעלט, פּלאָנטעט מיט דער צונג) ש-ש-שלעפּער זאָגט איהר? ווי קומט אַ ייד זײַן אַ שלעפּער? אַ ייד איז קײַ-קײַ-קײַן מאָל ניט קײַן שלעפּער! קײַ-קײַן מאָל ניט... אונ וואָס איהר טרײַבט מענשען פֿון ש... ש... שטוב, מחותּנתי, טרײַבט, טרײַבט, נאָר אַן עוולה איז דאָס פֿון אײַך. ווייסט איהר פֿאַר וו-וו-וואָס? ס'איז היינט אַנדערע יאָהרען גאָר... ניש דאָס וו-וו-וואָס? אַמאָל... איהר זאָלט זעהען בײַ מיר אין די ביבלעך... די צעצעליסטען זאָגען, אַ קלאָג צו אײַער קאָפּ! דיזען דאַזען דאָס אונ יענץ...

„מאַדאַם“ (צו חיים'ן) אונ דו, שאַרלאַטאַן, וואָס טהוסט דו דאָ? וואָן פֿון דאַנען!

חיים. (גאַנץ עלעגאַנד) אַראַנק פֿאַר אַ קאָמפּלימענט! (די „מאַדאם“ לאָזט זיך צו איהם מיט ביידע הענד, וויל צו נעמען די קינדער. חיים נעהמט זי פאר א האנד, טהוט א ווינק צום איבעריגען עולם, אונ מע חאפט זי אריין אין רעדעל אריין אונ מע געהט מיט איהר א טענציל. די „מאדאם“ ווייזט זיך מיט אלע כוחות, נאר ס'איז אומזיסט; מע לאזט זי נישט ארויס פון קאהן).

רב אַלטער! וואָס שווייגט איהר? זאָגט עפּיס אַ גוט וואָרט:

רב אַלטער. (אויפגעלעבט, זינגט:)

ס'איז היינט א נייע וועלט,
מע קוקט נים אויף קיין געלד,
קיין גרויס קיין קליין,
קיין מאוס קיין שען,
קיין ארעם און קיין רייך,
אלע זענען גלייך!...

אלע (זינגען און טאנצען)

קיין גרויס, קיין קליין,
קיין מאוס, קיין שען,
קיין ארעם און קיין רייך,
אלע זענען גלייך!
אלע זענען גלייך!

(די „מאדאם" רייסט זיך פון זייערע הענד און שעלט, נאר מע הערט נים איהר קול. עס עפענט זיך די טהיר און עס קומט אריין דערשראקען אין קיך אריין דער גאנצער עולם. הערען און דאמען, און חתן־כלה אויך בתוכם. איינינע מיט קארטען אין די הענד. — מע בלייבט שטעהן א ווייילע פערגליווערט, איטליכער אין אנ'אנדער פאזע. — לאנגזאם פאלט דער פארהאנג.)

— ענדע —



ליטעראטור־וויסענשאפט.

אין צוויי טהייל

פערפאסט פון **א. ב. ראזענשטיין,** רעדאגירט דורך **מ. קרינסקי.**

די ליטעראטור־וויסענשאפט גיעט א פאלקאמענעם בעגריף וועגען די אלגעמיינע ליטעראטור בכלל און יודישע בפרט. זי בעטראכט יעדע ליטעראטור־פארם בעזונדער און ערקלערט איהר בעגריף און אינהאלט, לויט די פערשידענע מוסטערן פון די בעסטע יודישע שריפטשטעלער.

די ליטעראטור־וויסענשאפט איז דעריבער אונגעהויער נוצליך פאר יעדען, וואס וויל זיך בעקענען מיט דער שענער ליטעראטור אין אלע איהרע פארמען, בכדי צו זיין אימשטאנד זעלבסטשטענדיג אבצושעצען דעם ווערט פון יעדען ליטערארישען ווערק.

די ליטעראטור־וויסענשאפט איז געשריבען אין א לייכטער אנציהענדער שפראך און ענטהאלט א גאנצע זאמלונג ווערק פון די בעסטע יודישע שריפטשטעלער.

די ליטעראטור־וויסענשאפט קאן דעריבער דיענען אי אלס לעזע־בוך, אי אלס לעהר־בוך אין שוהל און הויז צום אויסלערנען שרייבען מיט א ריינעם, גוטען ליטערארישען סטיל.

פארלויפיג איז ארויס פון דרוק דער ערשטער טהייל.

פרייז 40 קאפ. פארטע 8 קאפ.

☞ די אבאנענטען פון „ראמאנצייטונג", וועלכע שרייבען אויס דירעקט פון רעדאקציע, האבען פריי פארטע.

עס דרוקט זיך און אין גיכען

וועט ערשיינען דער צווייטער טהייל.

פערלאג „ביכער־פאר־אלע" ווארשע, דלוגע 11.

טעלעפאן 87־90.

ליטעראַטור=וויסענשאַפט.

אין צוויי טייל

פֿערפֿאַסט פֿון **א. ב. ראָזענשטיין,** רעדאַגירט דורך **מ. קרינסקי.**

די ליטעראַטור=וויסענשאַפט גיעט אַ פֿאָלקאָמענעם בעגריף וועגען די אַלגעמיינע ליטעראַטור בכלל און יידישע בפֿרט. זי בעטראַכט יעדע ליטעראַטור=פֿאָרם בעזונדער און ערקלערט איהר בעגריף און אינהאַלט, לויט די פֿערשידענע מוסטערן פֿון די בעסטע יידישע שריפֿטשטעלער.

די ליטעראַטור=וויסענשאַפט איז דעריבער אונגעהויער נוצליך פֿאַר יעדען, וואָס וויל זיך בעקענען מיט דער שענער ליטעראַטור אין אַלע איהרע פֿאָרמען, בכדי צו זיין אימשטאַנד זעלבסטשטענדיג אָבצושעצען דעם ווערט פֿון יעדען ליטעראַרישען ווערק.

די ליטעראַטור=וויסענשאַפט איז געשריבען אין אַ לייכטער אַנציהענדער שפּראַך און ענטהאַלט אַ גאַנצע זאַמלונג ווערק פֿון די בעסטע יידישע שריפֿטשטעלער.

די ליטעראַטור=וויסענשאַפט קאָן דעריבער דיענען אַלס לעזע=בוך, אַלס לעהר=בוך אין שוהל און הויז צום אויסלערנען שרייבען מיט אַ ריינעם, גוטען ליטעראַרישען סטיל.

פֿאָרלויפֿיג איז אַרויס פֿון דרוק דער ערשטער טייל.

פּרייז 40 קאָפּ. פּאָרטאָ 8 קאָפּ.

☛ די אַבאָנענטען פֿון „ראָמאַנצייטונג", וועלכע שרייבען אויס דירעקט פֿון רעדאַקציע, האָבען פֿריי פּאָרטאָ.

עס דרוקט זיך און אין גיכען

ווערט ערשיינען דער צווייטער טייל.

פֿערלאַג „ביכער=פֿאַר=אַלע" וואַרשע, דלוגע 11.

טעלעפֿאָן 87=90.

3 0112 072902478